# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תזריע מצורע תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 479



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תפילה ווערט אנגענומען אין זכות פון מילה

"וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ" (יב ג)

אין ספר **'מנורת המאור'** שטייט אז די זכות פון מצות מילה שטייט פאר די אידן זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון אלע שוועריקייטן און צרות וואס גייען אריבער אויף זיי אין גלות, ווייל אין זכות וואס זיי זענען גע'מל'ט הערט צו הקב"ה זייערע תפילות און ראטעוועט זיי פון זייערע שוועריקייטן. דער יסוד איז מרומז אין די נוסח התפילה: "כי אתה שומע תפילת כל פה" - 'פה' איז בגימטריה 'מילה'; ווי מיר וואלטן געזאגט אז הקב"ה 'שומע תפילת כל מהול'.

דער יסוד ווערט געברענגט אין **'פרקי דרבי אליעזר'** (פרק כח): "דער וואס רירט צו א ערל איז עס ווי ער וואלט צוגערירט צו א טויטער, וואס ביים לעבן זענען זיי גערעכנט ווי מתים, און נאכן טויט ווי א נבלה פון א בהמה. און זייער תפילה גייט נישט אריין פאר הקב"ה אזוי ווי עס שטייט (תהלים קטו יז): "לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ יָ-הּ". אבער די תפילה פון די וואס זענען גע'מל'ט דערגרייכט צו הקב"ה כריח ניחוח אזוי ווי עס שטייט (שם יח): וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם הַלְלוּיָ-הּ".

דער מקובל **רבי דוד בן שמעון** [הרדב"ש] לייגט צו און ברענגט א רמז אז דער פסוק "וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם הַלְלוּיָ-הּ" גייט ארויף אויף "אידן וואס זענען גע'מל'ט", פון דעם וואס די גימטריה פון זיינע סופי תיבות, איז פונקט ווי די גימטריה פון די ווארט 'מילה'. לייגט צו הרדב"ש אז דאס איז דער מקור אויף דער מנהג וואס דער **רמ"א** (יו"ד רסה יא) ברענגט אז דער מוהל גייט צו צום עמוד ביי א טאג פון א ברית, ווי עס איז מרומז אין פסוק (תהלים קמט ו): "רוֹמְמוֹת אֵ-ל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם", ווייל אדאנק די זכות פון מילה ווערט אנגענומען די תפילה. און אזוי שרייבט **רבי משה האלפרין** אב"ד מינסק און זוהן פון בעל 'סדר הדורות' אז דער מנהג איז מרומז אין די ווארט 'מילה' - ר"ת: 'מוהל ירד לפני התיבה'.

'ערכי הכנוים' אות מ' ערך מילה, בהג"ה מבן המחבר

### מקדים זיין עול מלכות שמים בעפאר די עול מילה

"וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ" (יב ג)

**רבי מרדכי פון זאסלעב**, א תלמיד פון 'בעל שם טוב' וואס איז באקאנט מיט זיין טיטול 'דער חזן פון זאסלעב', האט גענומען אויף זיך צווישן זיינע פיל אויפגאבע'ס, זאגן 'קריאת שמע' ביי די הייזער פון די קימפעטארן צוזאמען מיט קליינע קינדער פון ת"ת ביי די נאכט בעפאר די ברית.

אויף די פראגע פון זיין פריינט **רבי פנחס קאריצער** אויפן טעם פון דער מנהג, האט רבי מרדכי געענטפערט: די חכמים (ברכות יג א) האבן ערקלערט אז ביי קריאת שמע ליינט מען פריער די קאפיטל פון 'שמע' און נאכדעם 'והיה אם שמע', כדי פריער זאל מען מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, און נאכדעם מקבל זיין עול מצוות מיטן זאגן "וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹתַי".

לויט דעם, ווייל מען גרייט זיך אז דער קינד זאל מקבל זיין אויף זיך די עול פון מצות מילה, איז מען מקדים א נאכט פריער צו ליינען קריאת שמע אין זיינע אויערן כדי צו ממשיך זיין אויף זיך פריער דעם עול מלכות שמים. רבי פנחס האט זייער הנאה געהאט צו הערן די ווערטער, און האט רעאגירט אז דאס איז 'כפתור ופרח'.

'צרור החיים' אות קסו

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די אמונה און ברית פון אברהם אבינו

די פרשה 'פרשת תזריע' הייבט זיך אן מיט די ציווי פון די תורה אויף די מצוה פון מילה אין פסוק (יב ג): "וביום השמיני ימול בשר ערלתו". די מצוה פון מילה האט א ספעציעלן באדייט ביים אידישע פאלק, און איז אויך געווארן די סימבאל פון מסירות נפש; אין אלע דורות, האבן זיך די ווייטע פונקט ווי די נאנטע מוסר נפש געווען עס מקיים זיין.

אין דער צייט וואס איך האב געלערנט מסכת סנהדרין אין די ראם פון דף היומי, האב איך זיך אנגעטראפן בעפאר סוף מסכת (קי ב) אין א אינטערעסאנטער שמועס: א קליין קינד וואס איז נאכנישט נתחנך געווארן אויף מצוות, וויאזוי וועט ער זוכה זיין צו חיי העולם הבא? צוויי פון די דעות וואס ווערן געברענגט אין גמרא האלטן אז צוליב דעם פעלט אויס אז דאס קינד זאל האבן לכל הפחות געטוהן איין מצוה, אבער זיי קריגן זיך וואספארא מצוה איז מזכה צו עוה"ב: רב נחמן בר יצחק האלט אז די מצוה פון מילה איז אים מזכה צו עולם הבא, דאקעגן דער תנא רבי מאיר זאגט די מצוה פון ענטפערן אמן, און נאר פון ווען דער קטן וועט ענטפערן אמן וועט ער זוכה זיין צו חיי העולם הבא.

די פאקט אז דער הייליגער תנא רבי מאיר האלט אז די מצוה פון ענטפערן אמן האט אזא גרויסע חשיבות ווי מצות מילה, קען אונז אסאך לערנען אויף איר געוואלדיגע מעלה. אבער, ווען איך האב אריינגעטראכט האב איך געטראפן אז עס איז טאקע דא א באזונדערע קשר צווישן די צוויי מצוות, מיט דעם וואס זיי צוויי זענען פון די הויפט זאכן וואס האבן גע'ירש'נט פון אברהם אבינו; אברהם אבינו איז געווען דער ראש לנימולים, אזוי ווי דער נוסח וואס מען זאגט ביי א ברית: "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו", און אברהם אבינו איז אויך געווען דער ראש למאמינים (ראה רמב"ם עבודה זרה פ"א).

ענטפערן אמן וואס איז די שורש פון אמונה, איז א טייל פון די אמונה וואס איז ביי אונז בירושה פון אברהם אבינו, און דאס ברענגט אריין א באזונדערע אינהאלט און איז משלים 'בריתו של אברהם אבינו'. נישט אומזינסט ווען עס הייבט זיך אן א ברית רופן מיר אויס דער פסוק איבער די אייביגע אמונה: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד", ווייל דער מעמד - ברענגט אינגאנצן ארויס אמונה.

דער קשר צווישן די מצוות ווערט אויך אויסגעדריקט אין זייער שטענדיגקייט; אזוי ווי מצות מילה באגלייט דעם מענטש אין יעדע מינוט, ביז זיין לעצטען טאג, אזוי אויך די מצוה פון ענטפערן אמן באגלייט דעם מענטש א גאנץ לעבן און דורכאויס דעם גאנצן טאג, זייענדיג א גרינגע און לייכטע מצוה צו מקיים זיין.

נאכן ליינען די רייד, ווען מיר אלע זיך איילן צו מחנך זיין אונזערע קינדער אויף 'אמן', זיי מזכה זיין צו חיי עולם הבא, אבער עס איז וויכטיג צו וויסן אז בעפאר אלעם איז פאסיג אז מיר זאלן זיך אליינ'ס מחנך אויף דעם; אז מיר וועלן זיך צוגעוואוינען צו ענטפערן אמן, וועלן אונזערע קינדער זיך אויך צוגעוואוינען צו דעם, און דערמיט וועלן מיר מיט אונזערע קינדער זיין ווערד צו דעם טיטול 'בן העולם הבא' - וואס די סופי תיבות איז 'אמן'.

**מיט א רוף "ואמר כל העם אמן"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א מנחה וואס איז אנגענומען געווארן צופיסנס פון הר הכרמל

די פאלגענדע מעשה וואס איז צו אונז געקומען דורך א משפחה מיטגליד פון איינעם פון די בעלי המעשה, דערמאנט אונז ווי גרויס איז די כח פון א תפילה וואס ווערט געזאגט מיט א מנין, און ווי שטארק השי"ת האט ליב א מצוה וואס ווערט געטון מיט מסירות נפש, אויך אין א פאל וואס פון די שטאנדפונקט פון דער וואס טוהט איז עס נישט געטון געווארן אויף דעם 'שלימות'דיגן' אופן וואס ער האט געפלאנט צו טוהן...

יעצט איז די צייט פון די 'מיטאג הפסקה' אין ישיבה 'תורה ותפלה'. א הילכיגן זעץ וואס איז געהערט געווארן פון איינע פון די צימערן האט אויפגעציטערט די הערצער פון די בחורים. די וואס זענען געקומען צו לויפן צו דער סצענע, האבן זיך דערשראקן צו זען זייער חבר מאטי' ליגט אויף דער ערד באוויסטלאז.

מאטי' איז ארויפגעקראכן הויעך צו טוישן א לעמפל אין צימער. נישט האבנדיג קיין לייטער האט ער ארויפגעלייגט א בענקל אויפן טיש, און בשעת ער איז ארויף איז ער געפאלן אויפן ערד, ווען זיין קאפ ווערט שווער פארוואונדעט.

די 'הצלה' קרעפטן וואס זענען גערופן געווארן האבן זיך געאיילט אים צו אריינפירן אין שפיטאל ווען ער איז נאך באוויסטלאז, ווען זיינע פריינט באגלייטן אים מיט זייערע תפילות. די אפדעיטעס וואס זענען אנגעקומען אין לויף פון טאג פונעם שפיטאל האבן געמאלדן אז די מצב איז בכלל נישט פשוט, און עס וועט נעמען עטליכע טעג נאר צו וויסן ווי ווייט דער שאדן איז, און וואס זענען זיינע שאנסן זיך ערהיילן.


א בליק אויף יקנעם פון דרום הר הכרמל

אין די קומענדיגע טעג זענען פארגעקומען אין ישיבה 'משמרות תפלה' אן א אויפהער, ווען די נאמען שלמה מרדכי בן דבורה זיסל ווערט נאכאמאל און נאכאמאל דערמאנט אין די מויל פון זיינע חברים און רבי'ס.

די געשעעניש האט ווי נאטירליך געהאט א ספעציעלע ווירקונג אויף ראובן און יוסף, מאטי'ס נאנטע חברים פון איין צימער. אויך זיי, צוזאמען מיט די אנדערע בחורים, האבן זיך מחזק געווען מיט תפילות און גוטע קבלות פאר זייער חבר, אבער אינעווייניג זענען זיי נישט געווען רואיג, זיי האבן געפילט זייענדיג מאטי'ס נאנטסטע פריינט דארפן זיי זיך באזונדער אנשטרענגען.

זיי האבן צווישן זיך גערעדט איבער דעם ענין, און צוזאמען אויסגעשטעלט א פלאן. דערנאך זענען זיי צוגעגאנגען צום משגיח און אים פארגעלייגט זייער פלאן; מיטאג ארויספארן פון ירושלים קיין אתרא קדישא מירון, אויסזאגן דארט גאנץ ספר תהלים, און זיך אומקערן אין ישיבה נאך אין די זעלבע נאכט. דער משגיח האט עס איבערגעטראכט, און דאן האט ער געגעבן זיין הסכמה.

איינס אזייגער נאכמיטאג זענען ראובן און יוסף ארויף אויפן באס, ווען לויט דעם פלאן האבן זיי געדארפט אנקומען אין מירון האלב נאך דריי, דאווענען מנחה, און דערנאך זאגן ספר תהלים אויף זייער חבר, און גלייך דערנאך צוריק פארן. די רייזע איז געווען ווי עס דארף צו זיין, ווען די צוויי נוצן גוט אויס די צייט, ווי עס פאסט פאר ישיבה בחורים ווי זיי.

די פארקער אויף 'ראוד זעקס' האט געשטראמט אן קיין שטערונגען, אבער ווען דער באס האט דערגרייכט אין 'מחלף אליקים' געגענט, האט ער זיך ערנסט פארשטייטערט ביז עס האט זיך ענדליך אפגעשטעלט. אן ערנסטער עקסידענט וואס איז פארגעקומען אין די 'יקנעם' געגנט האט אינגאנצן אפגעשטעלט די פארקער.

נאך בערך א שעה און א האלב וואס דער באס איז געשטאנען אין טרעפיק אן זיך רירן, האבן די בחורים איינגעזען אז זיי וועלן נישט אנקומען קיין מירון ביז די שקיעה. יעצט, אויף איין זייט איז געליגן די חוב פון דאווענען מיט מנין, און פון דער צווייטער זייט איז געשטאנען די חשבון אז אויב זיי גייען אראפ אין יקנעם וועט צושטערט ווערן זייער פלאן צו דאווענען פאר זייער חבר אין מירון. צום סוף, תפילה במנין האט אראפ געוואויגן. די בחורים זענען צוגעגאנגען צום דרייווער, און געבעטן ער זאל זיי ערלויבן אראפגיין. דער דרייווער האט מסכים געווען, און די צוויי זענען אראפ פונעם באס.

ראובן און יוסף האבן אנגעהויבן זוכן א שוהל אין דעם אומבאקאנטן שטאט, און האבן מיטאמאל באמערקט אויף איינע פון די הייזער א מודעה וואס טוהט מעלדן אויף א משפחה וואס זיצן דארט 'שבעה'. דארט וועלן זיי זיכער געפינען א מנין, האבן די בחורים געטראכט, און באשלאסן צו פרובירן.

אין די אבלים-שאטער זענען געזיצן די משפחה מיטגלידער מיט נאך עטליכע וואס זענען געקומען טרייסטן. די בחורים זענען אריין קווענקלדיג אבער זיי זענען אויפגענומען געווארן מיט א ווארעמע באגריסונג. זיי האבן דערציילט פאר די אנוועזנדע די סיבה פון זייער קומען. צו זייער וואונדער זענען דארט געווען פונקט אכט מענטשן, וואס צוזאמען מיט די צוויי בחורים איז פונקט געווען א מנין.

נאכן דאווענען האבן זיי זיך דערמאנט איבער דעם צוועק וואס זיי זענען געקומען אויפן ארט, און זיי האבן זיך געוואגט בעטן, אז די מתפללים זאלן מיט זיי זאגן צוויי קאפיטלעך תהילים לרפואת זייער חבר. די דאזיגע בקשה איז באלד אנגענומען געווארן, און די אבלים האבן זיי אויך געדאנקט פאר די עילוי נשמה וואס זיי האבן געטוהן.

ווען זיי האבן געוואלט ארויסגיין פון די אבלים-שאטער, איז צו זיי צוגעקומען א שומר תורה ומצוות, וואס איז געווען צווישן די מנחמים, און האט זיך אינטערעסירט וואו אהין זיי דארפן אנקומען. זיי האבן נישט געטראכט דערפון... אבער א שנעלע בליק אויפן זייגער האט זיי קלאר געמאכט אז זיי דארפן צוריק פארן קיין ירושלים. זיי וועלן שוין נישט אניאגן צו גיין קיין מירון און צוריק.

"אזוי, קיין ירושלים?", האט דער מענטש געפרעגט מיט א פארוואונדערטער שטימע, "איך פאר פונקט דארט. איך בין ספעציעל געקומען פון ירושלים צו טרייסטן מיינע קרובים, און אין עטליכע מינוט פאר איך צוריק. אויב איר ווארט עטליכע מינוט, קענען ענק גערן קומען מיט מיר".

עטליכע מינוט שפעטער זענען די צוויי אריין אין א נייע באקוועמע קאר. די רייזע איז געווען שנעל און אנגענעם, ווען זיי פארברענגען מיטן דרייווער אין דברי תורה. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ירושלים, האט דער דרייווער זיך אנגעטראגן זיי צו פירן ביז די ישיבה, און די בחורים האבן זיך צוריקגעקערט אין ישיבה פריער ווי ערווארטעט, און האבן אפילו געהאט צייט צו זיין ביי 'סדר שלישי' אין בית המדרש.

דער משגיח, וועלכער איז געווען איבערראשט צו זען ווי זיי קומען צוריק אין אזא פרי שעה, האט זיך אינטערעסירט ביי זיי אויף די סיבה. די בחורים האבן אים דערציילט די אלע איינצעלהייטן, ווען זיי דרוקן אויס זייער אנטוישונג, אז טראץ די גרויסע מי וואס זיי האבן אריינגעלייגט, האבן זיי נישט זוכה געווען אנקומען צו די טויערן פון תפילה וואס זענען אפן אין מירון און דאווענען פאר די רפואה פון זייער חבר.

אבער דער משגיח האט נישט אויסגעזען צו זיין אנטוישט: "עס קען זיין, אז די תפילה וואס איר האט געדאווענט אין יקנעם, וועט אויפטוהן פארן חולה מער ווי עפעס אנדערש", האט ער זיי געזאגט, און ערקלערט: "יקנעם געפונט זיך, ווי באוואוסט, צופיסנס פון הר הכרמל, דער באקאנטער בארג, אויף וועלכן אליהו איז געהאלפן געווארן דורך תפילת מנחה ווי עס ווערט געשילדערט באריכות אין ספר מלכים א' (פרק יח). און חז"ל האבן זיך דערפון געלערנט (ברכות ו ב): 'לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה, שהרי אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה'.

אויך ענק, א דאנק ענקער מסירות נפש נישט מוותר זיין אויף דאווענען מנחה אין א מנין, בין איך זיכער אז ענקער דאווענען וועט מיט השי"ת'ס הילף ברענגען די ערוואטעטע ישועה, נישט ווייניגער ווי דאווענען אין מירון.

צו די גרויסע איבערראשונג, בחסדי שמים, האבן די בני הישיבה דעם אנדערן טאג זיך געפריידט צו הערן אויף א ערנסטן פארבעסערונג אינעם צושטאנד פון זייער חבר דער קראנקער. ביז געציילטע טעג איז ער צוריק אין ישיבה, טאקע נאך פארוואונדערט און ארום גענומען מיט א גיבס, אבער ווען ער גייט אויף די פיס.

עס זעהט אויס אז 'מי שענה לאליהו בהר הכרמל בתפילת המנחה', דער וואס האט אנגענומען די תפלה פון אליהו אין הר הכרמל ביים דאווענען מנחה, האט אנגענומען די תפילות פון די טייערע בחורים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אויף דאווענען מנחה ווי עס דארף צו זיין, און געשיקט א ישועה און א רפואה צו זייער חבר.

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## מחנך זיין די קליינע אויף ענטפערן אמן

### אויף יעדן מענטש ליגט א חיוב ער זאל אויסלערנען זיינע קליינע קינדער ענטפערן אמן, ווייל פון ווען דער קינד ענטפערט אמן איז ער זוכה צו חיי עולם הבא.

מקורות וביאורים:

אין מסכת סנהדרין (קי ב) ברענגט די גמרא פארשידענע דעות אלס א ענטפער אויף די פראגע פון וועלכע עלטער איז א קטן וואס איז נפטר געווארן, זוכה צו חיי עולם הבא. דער 'כלבו' (סי' יב) האט מכריע געווען ווי די מיינונג פון רבי מאיר (שם) אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן. לויט דעם פסק'נט דער רמ"א (או"ח קכד ו): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא". רבינו מנוח (תפילה טו ט) לערנט "יעדער ירא שמים דארף אויסלערנען זיין פרוי און קינדער און אלע נאנטע צו ענטפערן אמן נאך אלע ברכות", אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (שם, ע"פ ירושלמי ברכות ה ו): "א שוהל וואס אלע זענען כהנים, דוכ'ענען זיי אלע... און ווער ענטפערט נאך זיי אמן? די פרויען און די קינדער!". רבי אליהו הכהן מאיזמיר ('מנחת אליהו' פרק לב) טייטש לויט דעם דער פסוק מגילת אסתר (ב ז): "ויהי אֹמֵן את הדסה היא אסתר בת דודו כי אין לה אב ואם"; מרדכי פלעגט "אֹמן את הדסה" - איר מחנך זיין פון קליינערהייט צו ענטפערן 'אמן', פארוואס: "כי אין לה אב ואם" - וואס זאלן איר דאס אויסלערנען, אזוי ווי דער רמ"א פסק'נט. פון פשטות לשון הרמ"א זעהט אויס אז דער חוב פונעם פאטער אויסלערנען זיין יונגן זוהן צו ענטפערן אמן שטאמט נישט פון הל' 'חינוך', נאר אלס דער ציל ער זאל זוכה צו עולם הבא. דערפאר באלד ווען דער קטן הייבט אן רעדן איינציגע ווערטער דארף זיין פאטער אים אויסלערנען צו ענטפערן אמן. כאטש חז"ל זאגן (סוכה מב א) אז קטן וואס קען רעדן דארף דער פאטער אים אויסלערנען זאגן דעם פסוק (דברים לג ד): "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", אזוי אויך דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע, און זיי דערמאנען נישט ענטפערן אמן. דאס איז ווייל די גמרא רעדט דארט פון א שפעטערדיגע צייט, ווען דאס רעדן פון דעם קינד איז שוין ווי עס דארף צו זיין און קען זאגן גאנצע פסוקים, אזוי ווי עס זעהט אויס פון דער לשון הגמרא דארטן - "קטן... היודע לדבר", דאקעגן דער חיוב אויסלערנען דעם זון ענטפערן אמן איז נאך בעפאר ער הייבט אן רעדן, אין די צייט וואס ער זאגט ארויס נאר איינציגע ווערטער ('עלי תמר' ירושלמי שביעית א ח). אזוי קומט אויך אויס פון דער לשון פון 'שבט מוסר' (ריש פרק יז) וואס שרייבט: "יוכיח המבין וידריך המשכיל לבניו בדרכי ה' מיד כשהם קטנים שמתחילים לדבר, וירגילם לכל דבר שיאכלו שיאמרו אמן, וכשיגדלו יותר ירגילם בפסוק, כגון: 'תורה צוה לנו...' וכדומה".

אין ספר 'פסקי תשובות' (קכד יג) לערנט ער זיך ארויס פון די רייד פון מהרש"א (סנהדרין קי ב) אז דער דין חינוך פון קטנים צו ענטפערן אמן איז נאר פון ווען ער קומט אן צו די עלטער פון חינוך צו ברכות, ד.מ. ער זאל פארשטיין און וויסן פאר וועמען מען זאגט די ברכה (און זעה דארט הערה 120 אז די ערשטע עלטער אין וועלכן מען קען דערגרייכן צו אזא הבנה איז די עלטער פון פינף יאר). אבער אין ספר 'חינוך הבנים כהלכתו' (פרק לו הערה ו) שטייט אז זיין ראי' פון דער מהרש"א איז נישט קלאר, און ווייזט אויף אז אויסלערנען א קטן צו ענטפערן אמן, איז נישט פארבינדן צו די דין חינוך, אזוי ווי עס אויבן ערקלערט געווארן.

# דועי אמונים

## פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



**הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א**
ראש ישיבת 'שער השמים'

אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן, איז זייער א גרויסע זאך. מיר פארשטייען נישט די געוואלדיגע מעלה פון די הייליגע ווארט, וואס איז מרמז און כולל אין זיך שמות הק', אבער דאס דארף מען וויסן, ענטפערן אמן איז די תכלית פון די ברכה און איר שלימות, און דערפאר איז ענטפערן אמן גרעסער ווי דער מברך, און באקומט שכר פון אמן און שכר פון זאגן א ברכה, ווייל ער פארענדיגט און הייבט אויף די ברכה צו איר תכלית.

דער מענטש דארף וויסן אז עס איז דא א ספעציעלע שכר פאר יעדע אמן. אפילו ווען מען איז זוכה צו ענטפערן אסאך אמן'ס, איז יעדע אמן גרויס און חשוב פאר זיך אליין, און די חז"ל זאגן (קידושין מ ב): "לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו חייב וחציו זכאי, עשה מצוה אחת - אשריו שהכריע עצמו לכף זכות, עבר עבירה אחת - אוי לו שהכריע את עצמו לכף חובה".

שוין לאנג צוריק האב איך געזאגט אז אריבערפירן די חשיבות פון ענטפערן אמן צו די קומענדיגע דורות איז א באזונדערע מעלה אין דער דין פון חינוך, ווייל אויף איינווארצלען די אמונה זענען מיר באפוילן געווארן אין תורה (שמות יג ח): "והגדת לבנך". דערפאר איז פאסיג און ריכטיג זיך איינצופירן יעדן אינדערפרי צו זאגן די ברכות השחר איינער פארן צווייטן, און יעדער וועט ענטפערן אמן אויף די ברכות פון זיין חבר. די הנהגה ברענגט צו אסאך הייליגע מדריגות, און צו הצלחה אין תורה און יראת שמים.

די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". מיר דארפן וויסן, אז די דאזיגע שכר פון עפענען די טויערן פון הימל האט אויך אן אויסדרוק אויף דער וועלט; דער וואס ענטפערט אמן מיט אלע כוחות איז זוכה צו זען די באהאלטענע גוט'ס פון יעדן טאג, און צוליב דעם שפירט ער א טעם און א חיות אין עבודת ה', ער ווערט געצויגן צו מקיים זיין נאך און נאך מצוות און זיך אויסמיידן פון עבירות, און אזוי איז ער זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים אין הימל אסאך טויערן, ווייל 'מצוה גוררת מצוה'.

אויף א באזונדערן אופן איז מען זוכה צו דעם שכר ווען עס איז דא א קביעות צו ענטפערן אמן יעדן טאג שטענדיג, ווען דער מענטש זוכט נאך איינער וואס זאל ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר און נאך יעדע ברכה. ווייל חז"ל (שם) האבן געזאגט אז עפענען די שערי גן עדן אין געוואנדן אין ענטפערן אמן "בכל כוחו", און וואס איז דען דא א גרעסערער "בכל כוחו" ווי זיך פלייסיגן אין ענטפערן אמן יעדן טאג.

איך גערענק נאך די הנהגה פון מיין שכן הגאון החסיד רבי אלעזר בריזל ז"ל ווי ער פלעגט שטיין און הערן יעדן אינדערפרי מיט א ברען און שמחה די 'ברכות השחר' פון אנדערע, און האט זיך געפריידט אויף יעדע אמן 'כמוצא שלל רב', ער האט אויסגעזעהן ווי ער האט געווינען א ריזיגע סומע. און טאקע די וואס פארשטייען דעם ווערד פון א אמן זענען נישט מוותר אויף דעם.

דורך זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין און ענטפערן אמן אויף זיי, איז מען אויך זוכה צו א באזונדערע הנהגה פון 'הארת פנים' אין אלע ענינים, אין די בחינה פון "נסה עלינו אור פניך ה'" (תהילים ד ז). דורך די ברכות און די אמנים דרייט מען איבער די הסתר פנים אויף א הארת פנים, און מען איז ממשיך חסדים און ישועות עד אין סוף, און א וואונדערליכן רמז אויף דעם קענען מיר זיך לערנען פון דעם וואס דער פסוק "נסה עלינו אור פניך י"י" איז גימטריה 'מאה ברכות', און אויך די ראשי תיבות "אור פניך י"י" זענען גימטריה 'אמן'.

יעדער וואס באשליסט צו זאגן די ברכות השחר און אלע ברכות ווי עס דארף צו זיין, און איז זיי משלים מיט ענטפערן אמן, ברענגט אויף זיך חסדים לאין סוף, בגשמיות און ברוחניות און איז מקרב ביאת משיח צדקינו עס זאל זיין במהרה בימינו אמן.

# מאוצרות אמונים

## דער חינוך אויף ענטפערן אמן

### ווײַ צו די וואס האלטן אפּ זייערע קינדער פון עולם הבא

אויף די רייד פון רבי מאיר אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן (סנהדרין קיא ב) שרייבט דער סמ"ק (מצווה יא): "אויב אזוי 'אוי להם' פאר די וואס רעדן דברים בטלים אדער זיי פירן זיך מיט א קלות ראש און געלעכטער אין שוהל בשעת'ן דאווענען, און האלטן אפּ זייערע קינדער פון חיי עולם הבא".

### פתחו שערים פאר די קינדער

די חכמים (שם) לערנען ארויס אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא דורך ענטפערן אמן, פון דער פסוק (ישעיהו כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמנים", און זיי טייטשן עס ווי עס וואלט געשטאנען 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שאומר אמן'. רבי שמואל לניאדו 'בעל הכלים' ערקלערט אז פון דעם וואס דער פסוק כאפּט אן 'גוי' זעהט אויס אז דער פסוק באציהט זיך צו א קטן וואס ענטפערט אמן, ווייל מיר טרעפן אין פסוק (בראשית כה כג): "שני גוים בבטנך" אז די תורה רופט אן א קטן מיטן נאמען 'גוי', ('כלי פז' ישעיהו שם).

רבי אליהו הכהן מאיזמיר טייטש אזוי די דרשה פון חז"ל: אין די צייט פון תחיית המתים וועלן זיך עפענען די טויערן נאר פאר די נשמות וואס וועלן בעטן אראפגיין רועהן אין א קערפער פון אזא איינער וואס האט זוכה געווען צו זיין א "גוי צדיק שומר אמנים". אבער דער וואס האט נישט געענטפערט אמן וועט נישט האבן דער זכות אויפשטיין אויף תחיית המתים און זוכה זיין צו חיי העולם הבא ('אגדות אליהו' ירושלמי שביעית ד ח).

### דער הויפּט תפקיד פון דער מחנך

רבי יחיאל מיכל הלוי עפשטיין איידעם פון רבי מרדכי יפה בעל הלבושים און מחבר ספר 'קיצור של"ה' שרייבט:

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות א יז): "לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה". דערפאר איז דער הויפט תפקיד פון דעם מחנך נישט די עצם לערנען תורה מיט די בחורים, נאר זיי צו ערציען הלכה למעשה אויף קיום התורה והמצוות. און דערפאר דארף דער מחנך צוגעוואוינען זיינע תלמידים צו "מעשים טובים און אריינלייגן יראת ה' יתברך אין זייער הארץ, און זיי גוט ערקלערן די אמונה זיי זאלן מורא האבן פון א באפעל פון השי"ת: נישט הנאה האבן פון דער וועלט אן א ברכה ראשונה און אחרונה, און ענטפערן 'אמן, יהא שמיה רבה', און אמן אויף יעדע ברכה און ברכה. און אוודאי יעדער מלמד וואס טוט אזוי וועט זיין שכר זיין זייער גרויס". (קיצור של"ה' מסכת שבועות, עניני חינוך הנערים).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע "וכל מאמינים"

א דאנק פאר די געוואלדיגע און ריזיגע אקטיוויטעטן צו אריינברענגען די טייערקייט פון ענטפערן אמן צווישן גאנץ כלל ישראל, איך ליין שטענדיג אייערע גליונות און איך לערנען אסאך פון זיי איבער די יסודות און כח התפילה, און איבערהויפט וועגן דעם געוואלדיגן כח פון ענטפערן אמן.

איך וויל אייך מיטטיילן מיט א גרויסע ישועה וואס מיר האבן זוכה געווען צו זעהן אין זכות פון זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן.

עטליכע יאר נאך אונזער חתונה האבן מיר נישט זוכה געווען געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. מיר האבן געדאווענט און געבעהטן, און אין זייט זענען מיר אויך געגאנגען צו די בעסטע דאקטורים, אבער די ישועה האט זיך פארזוימט פון קומען.

ארום זעקס יאר נאך אונזער חתונה, אין שבת קודש פרשת דברים תשפ"א, ווען מען האט געליינט אין תורה דעם פסוק (דברים א יא) "ה' אלוקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים", האב איך אויפגעכאפט אז די ראשי תיבות: "עליכם ככם אלף" זענען גימטריה אמן. איך האב באלד באשלאסן זיך אונטערנעמען זיך מחזק זיין און אויך אנדערע אין דער ענין פון ענטפערן אמן.

איך וויל אנצייכענען, אז ביז דעמאלטס האב איך אויך געהאט א באשטימטע חברותא צו זאגן ברכות השחר, אבער צוליב די התעוררות וואס האט מיך אנגעכאפט צוליב וואס איך האב געזעהן ווי א רמז און א צייכן פון הימל, האב איך באשלאסן זיך מער אנשטרענגען. און טאקע פון יענעם טאג האב איך אנגעהויבן הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און ווי פארשטייט זיך מקפיד זיין דורכ'ן טאג ענטפערן אמן וויפיל איך קען.

ברוך ה', מיט א יאר שפעטער, איז אנגעקומען ביזן הימל מיין פרייד און התרגשות, ווען השי"ת האט מיך געשאנקען א טייערע געשאנק מיט די געבורט פון מיין ערשטע טאכטער למזל טוב. די רירנדע 'קידוש' איז פארגעקומען שבת פרשת דברים תשפ"ב. און לויט דער עצה פון מיין רבי האב איך א נאמען געגעבן מיין טאכטער 'ברכה', געדענקען שטענדיג די זכות וואס אדאנק דעם בין איך געהאלפן געווארן.

**מיט א אינערליכע שעצונג**
**א.ו. - אופקים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מציבה פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלעשבורג

### דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלעשבורג
#### א' אייר תקל"ח

רבי שמואל שמעלקא הלוי הורוויץ איז געבוירן אין יאר תפ"ו צו זיין פאטער רבי צבי הירש דער רב פון טשארטקוב, וואס איז געווען באקאנט אלס גדול בתורה און א קדוש עליון. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט ביי זיין פאטער. שפעטער האט ער געלערנט טאג און נאכט מיט זיין יונגערער ברודער רבי פנחס בעל 'הפלאה', און צוליב זיין וואונדערליכע התמדה האט ער זיך נישט אריינגעלייגט אין א בעט שלאפן, און פלעגט לערנען פלייסיג ביז ער האט איינגעדרימלט. צוזאמען מיט זיין ברודער רבי פנחס האט ער זיך געוויקט ביים הייליגן מגיד פון מעזריטש, און זענען פאררעכנט צווישן זיינע גרויסע תלמידים.

אין זיין יוגנע יארן איז ער אויסדערוועלט געווארן צו דינען אלס רב אין שטאט ריטשוואל אין פוילן, וואו ער האט אויך געגרינדעט א גרויסע ישיבה ווי די חשובע ת"ח זענען דארט געקומען לערנען. ארום צען יאר שפעטער האט ער אנגענומען די רבנות פון שינאווא, און אין יאר תקל"ג איז ער אריבער דינען אלס רב פון דער שטאט ניקלעשבורג, דאס איז דער שטאט 'מיקולייוו' [היינט טשעכיי]. אין ניקלעשבורג האט ער באפעסטיגט זיין בארימטע ישיבה וואו עס זענען ארויסגעוואקסן אסאך גרויסע תלמידי חכמים און באלייכטער פון חסידות. אויסער זיין הרבצת התורה האט דער רבי ר' שמעלקא געפירט א רעביסטעווע און אסאך פוילישע און גאליציאנע צדיקים זענען געקומען צו פארן צו אים.

א' אייר תקל"ח איז זיין נשמה ארויף מיט א מיתת נשיקה ווען ער איז געזיצן אויף זיין שטול, אין עלטער פון צוויי און פופציג יאר. ער איז באערדיגט געווארן אויפצומארגנ'ס אין זיין שטאט ניקלעשבורג. זיינע דברי תורה זענען געדרוקט געווארן אין זיינע ספרים 'אמרי שמואל', 'דברי שמואל' א.נ.. אזוי אויך האט ער פארפאסט א ספר 'נזיר השם' אויף שולחן ערוך אבן העזר.

### אמן אויף יעדע ברכה

**נאנט צו זיין פטירה האט ר"ר שמעלקא עדות געזאגט אויף זיך, אז א גאנץ לעבן האט ער מקפיד געווען צו זאגן א ברכה, נאר ווען עס איז דא איינער וואס ענטפערט אמן. און האט מסביר געווען אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן דורכ'ן זאגן א ברכה, ווערט פארענדיגט נאר דורכ'ן ענטפערן אמן נאך די ברכה. ('אהל יצחק' עמ' 70).**

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com